פרשת עקב, כ"ב מנחם אב תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון פ"ט

זמנים
(Liberty)
הדלקת הנרות......................8:00
מוצאי שבת..........................9:29

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

**האט רחמנות אויף אונזערע קינדער, פארט נישט שנעל אין שטעטל**

# א מעשה פון תפלה

## העניך אינדיג

איך האב געהאט אוועק געלייגט אין א ווינקל א געוויסע שטיקל פון א שאוער ביי איינע פון די הייזער וואו איך בין די מענעדזשער, למעשה ווען איך האב עס גאדארפט האבן איז עס נישט געליגן דארט אויף דעם פלאץ וואו איך האב עס געלייגט, איך האב עס ארום געזיכט וואו איך האב נאר געקענט - אבער נישט געטראפן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס שנעל טרעפן אן קיין אימזיסטע עגמת נפש, איך האב געפרעגט איינע פון די ארבעטערס וואס האט דארט אויפגערוימט, אויב ער האט עס אפשר געזעהן און געלייגט אויף אן אנדערן פלאץ, האט ער מיר געזאגט ער האט דאס נישט געזעהן. שפעטער ווען ער איז געקומען צו דעם הויז האט דער ארבעטער עס געטראפן און מיר עס אהין געברענגט, שכח אייבערשטער!

## שמעון קרדוזו

מיין קאר איז צובראכן געווארן, צוליב דעם האב איך געדארפט גיין צופיס צום גראסערי, אבער נאכן מאכן דעם ארדער האב איך שוין נישט געקענט אהיימגיין צופיס צוליב די גראסערי באקסעס וואס איך האב געהאט מיט מיר, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איינער זאל מיר געבן א היטש אהיים, שכח אייבערשטער אז רפאל פורסט האט זיך אפגעשטעלט פאר מיר און מיר אהיים געטראגן צוזאמען מיט מיינע באקסעס. שכח אייבערשטער!

## אברהם דוד לאקס

מיין קאר איז צוזעצט געווארן נאכן האבן א עקסידענט לא עלינו, איך האב ארויס געגומען א רענטל ביז ווען איך באקום א נייע קאר, א וואך פאר איך האב געדארפט באקומען די נייע קאר, האט מען מיר אנגערופן פון די רענטל קאמפאני אז איך דארף שוין צוריק געבן די קאר, וואס טוט מען דא, א וואך צייט וועל איך זיך דארפן מוטשען אן א קאר? איך האב געבעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל שוין קענען האבן די נייע קאר א וואך פריער.

ערב שבת נחמו בין איך אריינגעגאנגען צו איינע פון זייערע לאקאלן זיי פרעגן אויב עס איז דא א מעגליכקייט צו האבן די קאר פריער מיט א וואך, האבן זיי מיר געזאגט עס איז נישט מעגליך, אבער ער קען מיר לייגן אויף די ליסטע אויב איינער דארף נישט זיין קאר וועל איך דאס באקומען, איך האב געזאגט פארן אייבערשטן 'אויב וועל איך באקומען די קאר פריער, וועל איך דאס מפרסם זיין אינעם בלעטל' מוצאי שבת נחמו האב איך געזעהן א מעסעדש פון די קאמפאני אז איך קען קומען נעמען די קאר. שכח אייבערשטער פאר דעם אפענעם נס!

**ברוכים הבאים בשם השם**

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין קרית ברסלב ליבערטי

**ראובן בירנבוים הי"ו וזוגתו חיה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און קענען אויפציען די קינדער אויפן הייליגן רבינ'ס וועג.

# נייעס אין שטעטל

## א וואך פון שמחות קע"ה

ברוך השם עס הערט נישט אויף די שמחות ביי אונז אין שטאט, יעדע וואך איז דא פרישע שמחות קע"ה.

פארגאנגענעם מיטוואך פארנאכטס איז פארגעקומען די פדיון הבן פון הילד בנימין בייניש נ"י בן האברך מו"ה יחזקאל שארף הי"ו. מען האט מכבד געווען דעם מנהל מו"ה ר' אברהם משה הכהן שטראססער שליט"א צו אויסלייזן דעם קינד.

ביים סעודה איז געהערט געווארן גאר א שיינע שיעור פונעם גרויסן זיידן הרה"צ ר' יצחק לעזער שליט"א, וואס איז ספעציעל געקומען צו פארן מיטצוהאלטן די שמחה פונדערנאנט.

דערנאך האט מען געטאנצן און זיך געפריידט אלע אנשי שלומינו צוזאמען אויף די גרויסע זכיה וואס מיר האבן אז מען האט אזא גרויסע רבי, וואס מאכט אונז שפירן די געשמאק אין יעדע מצוה.

שבת קודש ואתחנן – נחמו איז פארגעקומען די שלום זכור פון צווייי חשובע תושבים אין שטעטל, מו"ה שלום פאללמאן הי"ו און מו"ה ראובן בירנבוים הי"ו, דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעדריקט ביים שלום זכור "ביידע אינגעלייט זענען גרויסע מפיצים, ר' שלום פלעגט גאר אסאך צושפרייטן דעם גליון היכל הקודש אין די צייט ווען ער האט געוואוינט אין מאנסי, אזוי אויך ר' ראובן גייט ארום מיט די קונטרסים און איז מפיץ וואו נאר ער קען".

פארגאנגענעם דאנערשטאג פרשת ואתחנן נאכן וועכענטליכן שיעור וואס דער ראש ישיבה שליט"א געט פאר די אינגעלייט, איז פארגעקומען די וואכט נאכט ביי מו"ה ר' יואל אפענהיים הי"ו מחשובי אנשי שלומינו, וואס פלאנט אין די נאנטע טעג צו זיך אהערציען, דעם קומענדיגן טאג ערב שבת נחמו איז פארגעקומען די ברית דא אין שטעטל, ווי דער ראש ישיבה שליט"א איז מכובד געווארן מיט סנדקאות און זאגן די ברכות, ויקרא שמו בישראל "נחמן נתן" נאכן הייליגן רבי'ן און רבי נתן זי"ע.

די וואך מאנטאג פרשת עקב ביינאכט איז פארגעקומען די וואכט נאכט ביי האברך מו"ה ר' ראובן בירנבוים הי"ו, דינסטאג אינדערפרי האט מען געמאכט דעם ברית בשעה טובה ומצלחת.

דינסטאג ביינאכט איז פארגעקומען די וואכט נאכט ביי האברך מו"ה ר' שלום פאללמאן הי"ו, און דעם קומענדיגן אינדערפרי איז פארגעקומען די ברית אין בית המדרש קרית ברסלב ליבערטי.

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל ווייטער זיין א געבענטשטע שטאט מיט אסאך שמחות.

ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט״א

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ד אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

בְּנוֹגֵעַ דִי נֵייעֶס וָואס דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם אַז דֶער רֶבִּי לִיגְט אִין צְפַת, דוּ וִוילְסְט וִויסְן וָואס גֵייט פָּאר.

**יֶעדְן טָאג קוּמְט אַ צְוֵוייטֶער מִיט זַיין דִמְיוֹן וואוּ דֶער רֶבִּי לִיגְט;** הַיינְט אִיז עֶס צְפַת, נֶעכְטְן אִיז עֶס אִין יְרוּשָׁלַיִם בַּיי קֶבֶר דָוִד הַמֶּלֶךְ, אַייעֶר נֶעכְטְן אִיז עֶס קֶעגְן אִיבֶּער דֶעם צִיוּן אִין אוּמַאן; **דָאס אִיז אַלֶעס לֵצִים אָדֶער בַּעֲלֵי דִמְיוֹנוֹת.**

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַמָאל בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ אִין שְׁטוּבּ, זָאגְט מִיר מוֹהֲרָא״שׁ אַז הַיינְט הָאט אִים אַ בַּעַל דִמְיוֹן פוּן יְרוּשָׁלַיִם גֶערוּפְן אוּן אִים אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר אִיז זִיכֶער אַז דֶער רֶבִּי לִיגְט אִין אוּמַאן דָארְט וואוּ עֶס אִיז מְקוּבָּל, וַוייל אִים דַאכְט זִיךְ אַז דֶער רֶבִּי לִיגְט קֶעגְן אִיבֶּער דֶעם צִיוּן, בַּיי דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים, עֶר מֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי לִיגְט דָארְט; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: **״קוּק וִוי אַ מֶענְטְשׁ קֶען פַארְקְרִיכְן מִיט דִמְיוֹנוֹת״.**

אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת דִי גַאנְצֶע הִשְׁתַּלְשְׁלוּת פוּנֶעם צִיוּן, פוּן שְׁנַת ת״ש וֶוען דִי רוּסְן יִמַּח שְׁמָם הָאבְּן פַארְמַאכְט דֶעם קְלוֹיז אוּן אַ יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעפַאלְן אַ בָּאמְבֶּע אוֹיפְ׳ן צִיוּן, וָואס דֶער צִיוּן אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, אוּם שְׁנַת תש״א; אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן.

מַאךְ זִיךְ גְרֵייט, **קוֹיף אַ טִיקֶעט;** וַוייל בַּאלְד וֶועלְן דִי פְּרַייזְן אַרוֹיפְשְׁפְּרִינְגֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן מִיר וֶועלְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אִין אוּמַאן.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

## איינלאדענונג צום מעמד הכתרה




### וועלכע צווי זאכן האט דער הייליגער רבי אונז אנגעזאגט צו טוהן יעדן טאג

וועלכע צוויי תירוצים זענען ריכטיג?

א) רעדן צום אייבערשטן

ב) לערנען יעדן טאג הלכה

ג) דאווענען שחרית מנחה מעריב

ד) גיין אין מקוה

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז שמואל בירנבוים נ״י

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

ענטפערס פון פאריגע וואך

די ערשטע דריי תירוצים

חידות אפטיילונג



### סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**ראובן בירנבוים הי״ו וזוגתו חיה תחי׳**

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

### סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**שלום פאלמאן הי״ו וזוגתו אסתר תחי׳**

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.